גליון

# אָמֵן וְאָמֵן

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש אדר תשפ"ה | גליון רי"ב

# זיך באשיצן פונעם מידת הדין

אונז אלע ווייסן מיר אז די מידת הדין בוזשעוועט ארום פון אינעווייניג און אינדרויסן, צדיקים זענען נסתלק געווארן פון די וועלט, די שפיטעלער זענען ליידער פיל מיט ליידנדע אידישע קינדער, און עס קוקט אויס אז עס הערשט חלילה א קיטרוג.

צי איז פארהאן א עצה אדער א סגולה וויאזוי צו פארמיידן פון זיך און ווערן אפגעהיטן פון די שרעקליכע מידת הדין?!

דער ענטפער אויף דעם געפונען מיר אין א בריוו פון דער משגיח דער גאון און צדיק ר' אליהו לאפיאן זצ"ל "חכמינו זכרונם לברכה האבן מפליג געווען און גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, אזוי ווייט אזוי האבן געגעבן אן הבטחה: "כל העונה אמן בכל כוחו - קורעין לו גזר דין של שבעים שנה" (תיקוני הזוהר מ, א)

קומט דאך אויב אזוי אויס, אז ענטפערן אמן איז די מבחן אויף די אמונה פון דעם איד אין די ווערטער פון די חכמים, און ספעציעל אין אזא צייט וואס די מידת הדין איז אזוי אנגעצויגן, דארף איינער וואס גלייבט אין די רייד פון די חכמים זיכער גאר שטארק אכטונג געבן אויף ענטפערן 'אמן', ווייל דאס איז דאך א זאך וואס איז נישט אנגעבינדן אין א שווערע טירחה אדער קאסט אסאך געלט, און אויב מ'איז נישט מקפיד אויף דעם, איז זיין אמונה אין חכמים נישט גאנץ, און דערפאר הייסט עס 'אמן' מלשון 'אמונה', ווייל דורך דעם שאצט מען דעם אמונה פון א מענטש! (קונטרס 'שומר אמונים').

חז"ל האבן דאך פארשפראכן אז ענטפערן אמן איז מבטל דעם מידת הדין, אויב אזוי, וויאזוי קען א מענטש אין אזעלכע שווער צייטן פארנאכלעסיגן אין אזא געוואלדיגער עצה?!

דער פאלגענדע ערציילונג האט פארציילט דער פריוואטער דרייווער פונעם הייליגן צדיק דער "בבא סאלי" זי"ע:

געווען איז דאס עטליכע יאר צוריק, ווען איך האב געפירט דעם צדיק אונטערוועגנס מתפלל צו זיין ביי איינער פון די צדיקים אין ארץ ישראל און אויספועלן א ישועה.

געווען איז דאס א געווענליכע רייזע אויף איינער פון די שטראזן, ארום און ארום האבן מיר געזען קעמלען שפאצירן אויף די פלאקערדיגע גאלדענע זאמד, און דער הייסע מדבר'דיגער ווינט טרייבט מיט קראפט.

דער הייליגער באבא סאלי זיצט אויף זיין ארט איינגעהילט אין זיינע כוונות און לערנט פון אן אפענעם ספר.

פליצלונג, הערן מיר פונעם אונטערגרינד א שווערן געריוש פון א גרויסן טראק וואס האט זיך דערנענטערט צו אונז, געווען איז דאס א גרויסער טראק וואס האט געטראגן אויף זיך א 'דעליוועריי' פון פרישע מאראנצן וואס זענען ערשט געקלויבט געווארן פון דיביימער אין פעלד, און זענען אצינד אויפן וועג צום מארק פארקויפט צו ווערן. פליצלונג, ערוועקט זיך דער צדיק פון זיין זיץ און גיבט א שריי אויס צו מיר: "שנעל! ווענד זיך צום דרייווער פונעם טראק, און בעט פון אים איין מאראנץ פאר מיינעטוועגן", אין די ערשטע סעקונדע האב איך זיך זייער געוואונדערט: 'צי וואס דארף דער צדיק א גשמיות'דיגע מאראנץ? קוים וואס ער נעמט עפעס אריין אין מויל דורכאויס דעם טאג צוליב די שווערע תעניתים און סיגופים וואס ער לייגט ארויף אויף זיך!' אבער אז דער צדיק הייסט - פאלגט מען!

איך האב אנגעהויבן צו פארן נאנט צום טראק און איך האב אים געפיפן עטליכע מאל, דער דרייווער פונעם טראק דרייט אראפ זיין פענסטער און פרעגט מיר 'וואס איז געשען? וואס איז דיין פראבלעם?' "א מאראנץ!" פרוביר איך איבערצושרייען דעם הויכן געריוש "דער צדיק דער בבא סאלי בעט איין מאראנץ פון דיין טראק!".

דער טראק-דרייווער גיבט א קרום מיטן נאז און ענטפערט צוריק פונעם פענסטער: "וואס מיינסטו? איך זאל יעצט אפשטעלן דעם טראק נאר כדי דיר צו ברענגען איין מאראנץ? שטער מיר נישט מיין רייזע, אז דו ווילסט אן אראנדזש גיי צום מארק און קויף איינס!", דער דרייווער זאגט זיך אפ זיינס, דרייט ארויף דעם פענסטער און יאגט אפ פון ארט איבערלאזנדיג א שנירל געדיכטע רויעך.

דער צדיק הערט דעם אנטווארט פונעם דריווער, און רעאגירט נישט. און איך בין געווען ערשטוינט וויאזוי דער דרייווער האט אזא קאטאגאריש צוריקגעוויזן אונזער פארלאנג. דער טראק איז שוין פיל ווייטער פון אונז און מיר זענען ממשיך מיט אונזער נסיעה.

מיר פארן אזוי נאך א שטיק צייט ווען פליצלונג האט דער פארקער אנגעהויבן זיך צו פארשטאטערן ביז עס האט זיך גענצליך אפגעשטעלט און טראפיק פאליציי האבן אפגעשפארט דעם גאנצן הייוועי.

"וואס האט פאסירט?" האט זיך דער צדיק אינטערעסירט. א פאליציאנט וואס האט זיך ארומגעדרייעט צווישן די קארס האט קלארגעשטעלט פאר די דריווער'ס: "עטליכע מינוט צוריק האט דורכגעשניטן דעם 'אינטערסעקשן' א טראק אנגעפילט מיט מאראנצן אין אן אומגעהויערע שנעלקייט, ער האט פארלוירן קאנטראל און האט אריינגעקראכט אין אן עלעקטריק שטאנג, דער רעזולטאט איז געווען שרעקליך: דער דרייווער'ס קאבינע איז גענצליך צודרוקט געווארן, און דער דרייווער איז אומגעקומען אויפן ארט, און הונדערטער מאראנצן קוילערן זיך אויף דער ערד. מיר האבן אריינגעברענגט עקסטערע כוחות אויפצורייניגן די מאראנצן און אוועקפירן דעם טראק".

אונזער דרייווער בלייבט געפלעפט: 'דאס איז דאך אונזער דרייווער מיט וועמען מיר האבן גערעדט קוים א קורצע ווילע צוריק!'.

ער באטראכט דעם געזיכט פונעם באבא סאלי וועלכע האט באלד דערשפירט זיין וואונדער, און מיט גרויס ווייטאג רופט ער זיך אן: "זאלסט וויסן, אז שוין א שעה צוריק, ווען דער טראק איז אונז פארבייגעפארן, האב איך געזען דעם מלאך המוות שוועבן איבערן טראק מיט זיין שווערד אויסגעצויגן...

איך האב באלד פארשטאנען אז דער מידת הדין הערשט אויף דעם דרייווער איך האב רחמנות געהאט אויף אים און אים געוואלט ראטעווען, דערפאר האב איך דיר געבעטן זאלסט אים אפשטעלן און בעטן א מאראנץ כדי איך זאל מאכן דערויף א "בורא פרי העץ" און דער דרייווער זאל ענטפערן "אמן", וואס דער "אמן" זאל אים באשיצן און ראטעווען פונעם שווערן גזירה וואס האט געהאנגען אויף אים, **ווייל דער כח פון איין "אמן" איז אומגעהויער גרויס צו ראטעווען דעם מענטש פון א שווערע גזירה,** אבער וואס זאל איך טוהן אז דער דרייווער האט אונז נישט געוואלט אויסהערן, און ער האט ליידער פארלוירן דעם שאנס און דער מידת הדין האט גובר געווען", האט דער צדיק געזאגט בצער.

*

ווען עס הערשט דער מידת הדין אויף די וועלט ליגט א חוב אויף יעדער מענטש רחמנות צו האבן אויף זיך אליינס און מחזק זיין זיך מיט די משפחה צו ענטפערן "אמן", וואס דאס באשיצן פונעם מידת הדין און זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות טובות.

(גליון "טוב לחסות בשם" - פר' תזריע ע"ה)

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי זי"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריביץ